**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אינפארסירונג קאמפיין קעגן שיכור'ע דרייווען דעם סעינט פעטריק'ס דעי

***סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג צו דורכפירן ספעציעלע DWI אינפארסירונג קאמפיין פון מערץ 17 ביז מערץ 19***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג וועלן פארמערן פאטראלן צו באקעמפן דאס דרייווען שיכור, אונטער איינפלוס און זינלאז אזוי ווי סעינט פעטריק'ס דעי פייערונגען הויבן זיך אן דעם סוף וואך. די ספעציעלע טראפיק אינפארסירונג קאמפיין וואס ווערט פינאנצירט דורך די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע ( Governor's Traffic Safety Committee, GTSC) הויבט זיך אן מערץ 17, 2023 און לויפט ביז זונטאג, מערץ 19, 2023.

דרייווערס קענען זיך רעכענען צו אנטרעפן מער DWI פאטראלן און ניכטער-טשעקפוינטס דורכאויס די אינפארסירונג תקופה. סטעיט פאליציי וועלן אויך גיבן טיקעטס פאר דרייווערס וועלכע פאסן נישט אויף און נוצן עלעקטראנישע כלים אין די האנט, און זיי וועלן דורכפירן טשעקס ביי ריטעיל געשעפטן צו ציהלן טרונקען אונטער די ערלויבטע עלטער און אומגעזעצליך פארקויפן פאר קינדער דורכאויס די קאמפיין.

"אונזער מעסעדזש איז קלאר: אויב איר פלאנירט צו פייערן סעינט פעטריק'ס דעי מיט אלקאהאל, מאכט פלענער צו האבן א זיכערע וועג אהיים", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די טראגעדיעס וואס ווערן פאראורזאכט פון שיכור'ע דרייווען זענען אינגאנצן פארמיידליך אויב מיר לייגן זיכערהייט אלץ העכסטע פריאריטעט. מיר האבן נישט קיין שום טאלעראנץ פאר שיכור'ע דרייווען, און איך באדאנק אונזערע סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג וועלכע וועלן זיין ארויס אין דינסט דורכאויס די גאנצע סוף וואך."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "א פייערונג קען ווערן טויטליך אין א רגע צוליב א שיכור'ע אדער אומאויפפאסיגע דרייווער. אויב איר גייט פייערן, ביטע פייערט פאראנטווארטליכערהייט. העלפט אונז האלטן ניו יארק'ס שאסייען די זיכערסטע אינעם לאנד דורכן פלאנירן פון בעפאר. דרייווט נישט נאכן טרונקען און באשטימט איינעם צו זיין דער ניכטערער דרייווער. עס איז א קריטישע אויסוואהל וואס קען ראטעווען א לעבן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס קאמישאנער און גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע פארזיצער, מארק דזש. פ. שרעידער.** "שיכור'ע דרייווען איז 100 פראצענט פארמיידליך. בעפאר איר לאזט זיך ארויס צו פייערן, זייט אחריות'דיג. האט א פלאן צו אנקומען אהיים זיכערערהייט אן ארייננלייגן זיך אליין אדער אנדערע אין סכנה. די איינפאכע שריט וועלן אונז העלפן האלטן אונזערע געסער זיכער און ראטעווען לעבנס."

דורכאויס לעצטע יאר'ס סעינט פעטריק'ס דעי שיכור'ע דרייווען אינפארסירונג קאמפיין האבן טרופערס ארעסטירט 381 מענטשן פאר DWI, ארויסגעגעבן 754 טיקעטס פארן דרייווען אן אויפפאסן און 26,594 טיקעס סך הכל.

דרייווען שיכור'ערהייט הרג'עט מער פון 11,600 מענטשן יעדע יאר אין אונזער לאנד. איין מענטש שטארבט יעדע 45 מינוט צוליב אן אלקאהאל-פארבינדענע עקסידענט. דאס איז א דורכשניט פון 32 מענטשן א טאג, און יעדע איינציגסטע פון די טויטפעלער זענען פארמיידליך.

אויסוועהלן צו דרייווען שיכור קען חרוב מאכן אדער אפענדיגן אייער אדער איינעם אנדערש'ס לעבן. דעם סעינט פעטריק'ס דעי, אויב איר טרונקט און דרייווט, זענט איר אויסגעשטעלט צו זיצן אין טורמע, פארלירן אייער לייסענס, העכערע אינשורענס ראטע און צענדליגע אומערווארטעטע אויסגאבן. קלאגעס פארבינדן מיט שיכור'ע דרייווען ברענגען מיט זיך קנסות פון ביז אזויפיל ווי $10,000.

די ניו יארק סטעיט פאליציי און די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע בעטן אייך זיך אונטערצונעמען צו אויספאלגן די גרינגע שריט כדי איר זאלט קענען געניסן פון א זיכערע האלידעי אן אריינלייגן לעבנס אויפן ראוד אין סכנה.

- בעפאר די פייערונגען הויבן זיך אן, מאכט א פלאן צו אנקומען אהיים זיכערערהייט ביי די סוף פון די נאכט.
- בעפאר איר הויבט אן טרונקען, באשטימט איינעם צו זיין א ניכטערער דרייווער, און לאזט אייערע קאר שליסלעך אינדערהיים.
- אויב איר זענט אונטער די איינפלוס, נוצט א טעקסי אדער אנדערע קאר סערוויסעס, רופט א ניכטערער פריינט אדער קרוב אדער נוצט פובליק טראנספארטאציע צו זיין זיכער צו אנקומען אהיים זיכערערהייט.
- אויב עס איז אוועילעבעל אין אייער קאמיוניטי, נוצט אייער קאמיוניטי'ס 'ניכטערע היטש' פראגראם.
- גיין צופיס שיכור'ערהייט קען זיין פונקט אזוי סכנות'דיג ווי דרייווען שיכור'ערהייט. באשטימט א ניכטערער פריינט אייך צו אהיימבאגלייטן.
- אויב זעהט איר אן אנגעטרונקענער דרייווער אויפן ראוד, רופט אן לאקאלע געזעץ אינפארסירונג. איר קענט ראטעווען א לעבן דערמיט.

די GTSC און די ניו יארק סטעיט STOP-DWI פאַונדעישען'ס "Have a Plan" (האט א פלאן) טעלעפאן עפּ איז דא צו באקומען פאר Apple, Android און Windows סמארטפאונס. דער עפּ ערמעגליכט פאר ניו יארקער צו טרעפן און רופן א טעקסי אדער רייד-שעיר סערוויס און פראגראמירן א דעזיגנירטע דרייווער ליסטע. עס גיבט אויך אינפארמאציע איבער DWI געזעצן און שטראפן און א וועג צו באריכטן פארדעכטיגטע שיכור'ע דרייווערס.

###